NYC Department of Social Services
Human Resources Administration
Department of Homeless Services
Office of Child Support Services

# ניו יארק סיטי אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס
# עלטערן ערפאלג פראגראם: ארבעט
## אפט געפרעגטע פראגעס (oFAQ)

פאר עלטערן וועלכע זענען שולדיג פערמענאנט-באשטימטע טשיילד סופארט געלטער פאר די ניו יארק סיטי סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט (New York City Department of Social Services, NYC DSS), די NYC אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (Office of Child Support Services, OCSS) קען די עלטערן ערפאלג פראגראם אייך העלפן נידערן די שולדיגע געלטער ביז $7,500 דורך פארענדיגן א קוואליפיצירטע דראג באהאנדלונג אדער ארבעט סערוויסעס פראגראם.

פארוואס שטעלן מיר צו דעם פראגראם? OCSS פארשטייט אז צופיל חובות קען שווערער מאכן פאר עלטערן צו פארבעסערן זייער לעבן און שיקן געלט פאר זייערע קינדער.

זיך ערהוילן פון דראג אביוז? לערנט וויאזוי פארענדיגן א דראג באהאנדלונג פראגראם קען אייך ווייטער העלפן נידערן DSS חובות. קוקט דורך די פלייער **"עלטערן ערפאלג פראגראם: דראג באהאנדלונג oFAQ"** פאר מער דעטאלן.

**וויאזוי קען איך וויסן אויב איך האב פערמענאנט-באשטימטע טשיילד סופארט חובות?**
די עלטערן ערפאלג פראגראם קען נידערן פערמענאנט-באשטימטע חובות, שולדיג פאר NYC DSS, וואס פאסירט ווען טשיילד סופארט ווערט נישט געצאלט ווען אייער קינד באקומט קעש הילף בענעפיטן. צו געוואר ווערן אויב איר זענט שולדיג געלטער פאר די NYC סאושעל סערוויסעס דעפארטמענט:

- באזוכט די HRA אפיס פון טשיילד סופארט סערוויסעס (OCSS) קאסטומער סערוויס ארייינשפאציר צענטער, באשטעלט א צייט פאר א ווירטועלע זיצונג אדער גייט צו אן OCSS אפיס אין די פאמיליע געריכט. בעט צו איבערקוקן אייער קעיס מיט א טשיילד סופארט קעיס ארבעטער. פאר מער אינפארמאציע גייט צו [https://on.nyc.gov/contactocss](https://on.nyc.gov/contactocss); אדער
- פרעגט אייער ארבעטער פראגראם אויב זיי האבן טשיילד סופארט סנעפ-שאט (Child Support Snapshot). אויב יא, קענט איר זיי געבן ערלויבעניש צו איבערקוקן אייער טשיילד סופארט קעיס. זיי קענען אייך זאגן אויב איר זענט שולדיג געלט פאר DSS און וויפיל איר זענט שולדיג. DSS געלט וואס מען איז שולדיג פאר אן אנדערע קאונטי אדער סטעיט איז נישט ארייינגערעכנט אין דעם פראגראם.

**וואס דארף איך טון?**
איר מוזט אנטייל נעמען אין קוואליפיצירטע DSS ארבעט פראגראם אזויווי אן עלטערן סופארט פראגראם, פאסטנס-פלאס (Jobs-Plus), אדער אן OCSS ארבעט טרעינירונג שותף פראגראם. קוואליפיצירטע DSS ארבעט פראגראמען נעמען אויך אריין די וואס איר קענט מעגליך ווערן רעפערירט צו דורך קעש הילף אדער סופלעמענטאל נערונג הילף פראגראם ( Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP) פראגראמען.
נאך איר זענט איינגעשריבן אין א קוואליפיצירטע DSS ארבעט פראגראם, מוזט איר באקומען א פאסטן און איבערגעבן די דעטאלן פאר אייער ארבעט פראגראם. אייער ארבעטסגעבער מוז דעמאלטס באצאלן פאר אייער טשיילד סופארט פאר כאטש 90 טעג דורך א פארדינסט צוריקהאלטונג באפעל (Income Withholding Order, IWO). די IWO וועט זאגן פאר אייער ארבעטסגעבער וויפיל אראפצונעמען פון אייער פעי-טשעק פאר טשיילד סופארט. די ארבעטסגעבער וועט שיקן געלט צו OCSS.

**דארף איך ארייַנשיקן עדות אז מיין ארבעטסגעבער האט געמאכט IWO צאלונגען אויף מיין נאמען?**
ניין. איר דארפט נישט ארייַנשיקן עדות אז אייער ארבעטסגעבער האט געמאכט IWO צאלונגען. OCSS האלט חשבון פון צאלונגען וואס מיר באקומען פון אייער ארבעטסגעבער.

**ווי לאנג נאך איך צאל 90 טעג פון טשיילד סופארט צאלונגען וועט מיין טשיילד סופארט חוב ווערן פארמינערט?**
עס קען נעמען ביז אכט (8) וואכן. נאך אייער ארבעט פראַווײַדער גיבט איבער אייער נייע פאסטן פאר OCSS, וועט OCSS קוקן אויב איר האט אן אומבאצאלטע חוב פאר NYC DSS און אויב מיר האבן באקומען צאלונגען פון אייער ארבעטסגעבער פאר כאטש 90 טעג. איינמאל איר קוואליפיצירט, וועט OCSS אראפנעמען ביז $7,500 פון DSS חובות פון אייער טשיילד סופארט אקאונט. מיר וועלן אייך שיקן א בריוו וואס באשטעטיגט די סומע וויפיל אייער NYC DSS חוב איז געווארן גענידערט.

**בשעת איך בין אייַנגעשריבן אין אן ארבעט פראגראם, קען פארקומען ענפארסירונג שריט קעגן מיר פאר'ן נישט באצאלן מיין טשיילד סופארט?**
יא. אלע גילטיגע ענפארסירונג שריט זענען פאר.

**דארף איך זיין שולדיג $7,500 אדער מער?**
ניין, איר דארפט נישט זיין שולדיג $7,500. OCSS וועט נידערן אייער DSS חוב סומע ביז $7,500.

**קען איך זיך אייַנשרייבן אין די עלטערן ערפאלג פראגראם עטליכע מאל?**
יא, איר קענט זיך אייַנשרייבן עטליכע מאל. אויב זענט איר שולדיג נאך DSS חובות און איר באקומט א נייע פערמענאנטע פאסטן נאכ'ן זיך איבער-אייַנשרייבן אין א קוואליפיצירטע DSS ארבעט פראגראם, קענט איר אויך זיין קוואליפיצירט פאר נאך א נידערונג. אבער, די סך הכל מאקסימום סומע וואס קען ווערן אראפגערעכנט פאר'ן אנטייל נעמען אין א קוואליפיצירטע DSS ארבעט פראגראם איז $7,500.

**אויב איך באצאל טשיילד סופארט, קען איך כאטש באזוכן?**
אין ניו יארק סיטי, זענען דא צוויי געריכטן וועלכע מאכן באשלוסן אויף טשיילד סופארט באפעלן און באזוך רעכטן. אויב איר דארפט אינפארמאציע אדער הילף מיט אייער רעכט צו באזוכן אייער קינד, רופט פאמיליע לעגאלע קעיר אויף 343-1122 (212) אדער באזוכט familylegalcare.org/helpline.

**איך האב נאך פראגעס. וואס זאל איך טאן?**
פרעגט אייער DSS ארבעט פראגראם אדער דראג באהאנדלונג פראגראם וועגן די OCSS ”עלטערן ערפאלג פראגראם“ אדער פארבינדט זיך מיט OCSS דורך אימעיל, פעזענליך אדער פאסט. פאר מער אינפארמאציע, גייט צו https://on.nyc.gov/contactocss.

**האט איר א מעדיצינישע אדער גייסטישע געזונטהייט פראבלעם אדער דיסאביליטי?** טוט די צושטאנד אייך פארשווערן צו פארשטיין די מעלדונג אדער טון וואס דער מעלדונג בעט? טוט די צושטאנד אייך פארשווערן צו באקומען אנדערע סערוויסעס ביי HRA? **מיר קענען אייך העלפן.** רופט אונז אויף **718-557-1399**. איר קענט אויך בעטן הילף ווען איר באזוכט אן HRA אפיס. איר האט א רעכט צו פארלאנגען די סארט הילף לויטן געזעץ.